RADIOTJÄNST

# Jiddish

אונטער די שוועדישע געזעצן, דארף יעדער איינער וואס האט א טעליוויזיע-אויפכאפער (רעסיווער) צאלן א טעליוויזיע-בארעכטיגונג אפצאל (TV License Fee) צו *Radiotjänst*. א דאנק דעם אפצאל קענען *Sveriges Television*, *Sveriges Radio* און *Sveriges Utbildningsradio* פראדוצירן פראגראמען וואס ווערן נישט בא-איינפלוסט דורך פירמעס אדער פאליטיקאנטן. דאס רופט זיך אן "פאבליק בראודקעסטינג," און עס שטעלט צו אלעס פון נייעס און דאקומענטעריס צו אונטערהאלטונג און בילדונג.

טעליוויזיע-אויפכאפער זענען סיי וועלכע מאשינען וואס זענען געאייגענט אויפצוכאפן טעליוויזיע בראודקעסטס, אפגעזען פון וויאזוי זיי ווערן אויפגעכאפט. ביישפילן פון טעליוויזיע-אויפכאפער זענען טעליוויזיע-סעטס, ווידיא-רעקארדערס, קאמפיוטערס מיט טעליוויזיע-קארטלעך, דידזשיטל טעליוויזיע-אויפכאפער און רעקארדירבארע DVD שפילער. אויב איר דינגט א הויז וואו עס איז פארהאן א טעליוויזיע-אויפכאפער, זענט איר פאראנטווארטליך צו צאלן דעם טעליוויזיע-בארעכטיגונג אפצאל. דער טעליוויזיע-בארעכטיגונג אפצאל איז נישט אריינגערעכנט אין קעיבל, סאטעליט, אדער דידזשיטל טעליוויזיע סובסקריבשן (אבאנענט) פרייזן. עס איז נישט קיין חילוק וועלכע טשאנעלס איר קוקט אדער אויב איר דינגט, פארמאגט, אדער בארגט א טעליוויזיע סעט – יעדער איינער וואס האט א טעליוויזיע-אויפכאפער מוז געבן צושטייער צו פאבליק סערוויס בראודקעסטינג.

אויב האט איר א טעליוויזיע-רעסיווער, איז די גרינגסטע וועג זיך צו רעגיסטרירן דורך דעם אינטערנעט אויף www.radiotjanst.se. איר קענט אויך רופן אונזער קאסטומער-סערוויס דעפארטמענט אויף 0771-91 00 04 אדער שרייבן צו *Radiotjänst i Kiruna AB, 981 80 Kiruna*.

א שיינעם דאנק פארן צאלן אייער טעליוויזיע-אויפכאפער בארעכטיגונג אפצאל.

Website in English: www.radiotjanst.se/en